# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת תזריע ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מט ||| שנה ב'



"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר ויקרא

ע"י אחד מבני החבורה

זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם


## בך בטחתי

**משען ומבטח לצדיקים;**
די בעסטע הכנה בעפאָר תפלה איז 'קבלת יסורים באהבה'

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור כ"ה ח"ב יום ראשון פרשת וירא י"ב מרחשוון תש"פ

א

# הקב"ה חישב את הקץ; דער בעל בטחון קלויבט זיך אויס די גרינגסטע סאָרט יסורים

### דער אופן 'וויאַזוי' די יסורים זאלן קומען איז תלוי אין דעם מענטש

ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע דערהער פון הגאון רבי **אלחנן וואַסערמאַן** זצ"ל, אין זיין ספר **'קובץ הערות'** (בדברי אגדה שבסוף הספר סימן ה' אות ז) וואו ער איז מבאר וואָס מיר זאָגן אין דער הגדה של פסח "הקב"ה חישב את הקץ".

ס'איז דאָ אַמאָל וואָס פאַר'ן מענטש איז נגזר געוואָרן אַז ס'דאַרף פּאַסירן צו אים אַ געוויסע זאַך פון יסורים, אָבער 'וויאַזוי' די זאַך זאל פּאַסירן, דאָס איז שוין אַלעמאָל תלוי מיט וועלכע לבוש עס וועט קומען. **עס דאַרף טאַקע קומען אַ ביטערע קאַווע, אָבער דער מענטש קען מאַכן אַ חילוק וויפיל לעפלעך צוקער ס'וועט זיין אין די קאַווע...**

### אפילו קלייניגקייט קען אויך ווערן פאַררעכנט אַלס יסורים

דער רבוש"ע קען מאַכן אַז אפילו די קלענסטע זאַכן זאָל אויך ווערן גערעכנט ווי יסורים און אַזוי זאָל דער מענטש אָפּקומען די גזירה לייכטערהייט.

ווי די גמרא זאָגט (ערכין טז, ב) **'עד היכן תכלית יסורין? אפילו נהפך לו חלוקו, אפילו הושיט ידו לכיס ליטול שלוש ועלו בידו שתים'**. די גמרא רעכנט דאָרט אויס עטליכע סאָרט פעלער, ווי למשל ווען מ'האָט אָנגעטון אַ בגד אויף די פאַרקערטע זייט, אָדער מ'האָט אַריינגעלייגט די הענט אין קעשענע צו נעמען אַ מטבע און ס'איז אַרויסגעקומען די נישט ריכטיגע מטבע.

די אַלע קליינע זאַכן קענען אויך הייסן יסורים. ווידעראום איז ליידער פאַרהאַן גאָר שווערע יסורים, ס'איז דאָ אַזעלכע טיפע יסורי הגוף והנפש, וואָס מ'קען זיך אפילו נישט פאַרשטעלן די צער דערפון.

### יסורים פון זאַכן וואָס טוען נישט אַזוי וויי

אַמאָל איז דאָ וואָס ס'איז פאַר'ן מענטש באַשערט יסורים. ס'קען זיין אַז דאָס קומט צוליב נישט גוטע זאַכן וואָס ער האָט געטון, ס'קען זיין צוליב פריערדיגע חשבונות שמים, ס'קען זיין צוליב אַנדערע סיבות.

אָבער אפילו ווען מ'האָט אָנגעשריבן פאַר'ן מענטש יסורים, האָט מען נישט גע'פּסק'נט אין הימל 'ווי שטאַרק ס'זאָל אים וויי טון די יסורים' יעדע זאַך קען ווערן פאַררעכנט ווי יסורים, אפילו די קלייניגקייט וואָס די גמרא רעכנט דאָרט אויס אין מסכת ערכין.

### ס'איז דאָ פאַרשידענע סאָרט שטאַפּלן פון גלות, לייכטער און שווערער

זאָגט ר' אלחנן: ביי גלות מצרים האָט דער אויבערשטער גוזר געווען "כי גר יהי' זרעך בארץ לא להם ארבע מאות שנה". **די חלק פון 400 יאָר גלות האָט געמוזט געשען, ווייל דבר ה' לא ישוב ריקם.** אָבער ס'קען זיין פאַרשידענע סאָרט אופנים 'וויאַזוי' די גלות זאל אויסגעפירט ווערן.

אַזוי זעט מען אויך אין **מסכת מכות** אַז ווען אַ מענטש האָט גע'הרג'ט בשוגג דאַרף ער לויפן אין 'ערי מקלט', אָבער אַ לוי וואָס וואוינט אין אַן 'עיר מקלט', קען גיין פון איין שכונה צו די אַנדערע און דערמיט האָט ער שוין מקיים געווען דעם גלות. מצד שני איז פאַרהאַן איינער וואָס דאַרף ממש גיין גלות צו די אַנדערע עק לאַנד, מקצה הארץ עד קצה הארץ, **ביידע הייסן גלות!** דאָס זעלבע איז פאַרהאַן אין דעם 'איכות' פון יעדע צער. איינער דאַרף ליידן גלות מיט שווערע יסורים און אַ צווייטער קען דאָס האָבן אַסאַך לייכטער.

### השי"ת האָט גערעכנט דעם גלות אויפ'ן גרינגסטן אופן

מיט דעם איז ר' אלחנן מסביר די טייטש פון 'חישב את הקץ'; ווען דער רבוש"ע האָט געדאַרפט ציילן די 400 יאָר האָט ער דאָס גענקענט רעכענען אויף עטליכע סאָרט אופנים. עס שטייט טאַקע אַז מ'גייט גיין אין גלות 400 יאָר אָבער עס שטייט נישט 'וויאַזוי' דער גלות וועט נתקיים ווערן אין די פיר הונדערט יאָר.

ביי די הגדה של פסח דאַנקן מיר דעם רבוש"ע אַז ער האָט גערעכנט די 400 יאָר **אַז ס'זאָל זיין אויף אַ גרינגען אופן!** אַ חלק פון די גלות מצרים איז געווען נאָר 'בפה רך', און איידער די התחלת השעבוד איז מען אויך געווען אַסאַך יאָר אין מצרים אָן קיין שעבוד בכלל.

נאָכמער, זאָגט ר' אלחנן, דער אויבערשטער האָט אָנגעהויבן רעכענען די 400 יאָר פון די 'לידת יצחק', ווייל אפילו אַ תינוק בן יומו האָט אויך עפּעס אַ צער ווען זיינע עלטערן זענען אין גלות. ווען זיינע עלטערן וואָלטן געווען אין פּלאַץ וואָלט אים זיין מאַמע אפשר געגעבן בעסער צו עסן, וכדומה, האָט דאָך דאָס קינד געהאַט יסורים, הייסט עס שוין ווי ער איז דורכגעגאַנגען יסורים מיט גלות.

רבי אלחנן זאָגט דאָס לשון: **"חישב את הקץ, שמדד במידה היותר פחותה -מיום שנולד יצחק, דגם תינוק בן יומו יש לו איזה צער כל שהוא על ידי שאבותיו מטולטלין בערסן, ואפשר שיחסר לו מעט מהראוי לו אילו היו אבותיו במקומן."** דאָס איז די שבח פאַר'ן אויבערשטן אַז דער גלות האָט טאַקע געמוזט פּאַסירן, אָבער ער האָט אונז אויסגערעכנט אַז ס'זאָל זיין אויף אַ לייכטן אופן.

### דורך 'קבולי' באַקומט מען אַסאַך לעפלעך צוקער

אָט דער יסוד פון ר' אלחנן איז דאך אַזוי שטארק נוגע פאר יעדן מענטש אין זיין לעבן.

ווען די גמרא זאָגט 'עד היכן תכלית היסורים' וויל אונז די גמרא זאָגן: **זאָלסט וויסן אַז יעדער מענטש דארף דורכגיין אין זיין לעבן יסורים, אָבער יעדע יסורים האָט מיט זיך לעפלעך צוקער!** און די וועג צו באַקומען די לעפלעך צוקער איז דורך 'סמא דיסורי קבולי'. די צוקער פאַר'ן ביטערן קאַווע באַקומט מען דורך 'קבולי'.

וויפיל מער מען איז דאָס מקבל באהבה, אַזויפיל מער קען מען זיס מאַכן דעם מצב. **עס וועט אים גערעכנט ווערן אַלס חלק פון די יסורים אפילו אַזעלכע זאַכן וואָס ביי אַנדערע מענטשן הייסט דאָס בכלל נישט קיין יסורים**, ווי די גמרא זאָגט 'עד היכן תכלית היסורים' אַז מ'לייגט אַריין די הענט אין די קעשענע און ס'קומט אַרויס די נישט ריכטיגע מטבע. כל שכן אויב מ'לייגט אַריין די הענט אין די קעשענע און ס'קומט נישט אַרויס קיין מטבע בכלל איז דאך זיכער אַז דאָס הייסט יסורים, אָבער דער מענטש קען מחליט זיין וועלכע סאָרט יסורים ער זאָל האָבן!

הקב"ה חשב את הקץ! וויאַזוי ווערט דאָס?! **עס ווערט דורך דעם ענין פון 'והבוטח בה' חסד יסובבנו'** - וויפיל מער דו ביזט זיך בוטח בה' אַזויפיל מער וועט זיין חסד יסובבנו!

ב

# בטח אל ה' בכל דרכיך; די וועג וויאַזוי צו שטייגן מיט בטחון איז דוקא ביי די קלייניגקייטן

### אַ מענטש דארף זיך מגדל זיין מיט די מדה פון בטחון

**דער רבינו יונה** (משלי ג, כו) זאָגט אויפ'ן פסוק "**מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו ולא ימס את לבב אחיו כלבבו**", אַז די סיבה פאַרוואָס איינער וועלכער האָט מורא דארף אַהיימגיין און נישט גיין צו דער מלחמה איז, וויבאַלד "**מִפְּנֵי שֶׁלֹּא גִּדֵּל נַפְשׁוֹ בְּעִנְיַן מַדְרֵגוֹת הַבִּטָּחוֹן**" - ער האָט זיך נישט מרגיל געווען און ער האָט זיך נישט אויסגעאַרבעט מיט דער מדה פון בטחון.

וואָס איז געשען אַז דו ביזט געוואָרן אַזוי פאַרלוירן?! פאַרוואָס ביזטו געוואָרן אַזוי דערשראָקן פון דער מלחמה?! עס מוז זיין אַז שוין בעפאָר האָט דער מענטש זיך נישט איינגעוואוינט צו אַרבעטן אויף בטחון, און דערפאַר, שפעטער ווען ס'איז געקומען צו אַ מלחמה, ווען ס'איז געקומען אַ גרעסערע פראָבלעם, האָט ער נישט די כוחות זיך צו שטאַרקן מיט אמונה.

### בטחון הייבט זיך נישט אן ווען ס'איז אַ ביטערע מצב

אויף אַן אַנדערע פלאַץ זאָגט דער רבינו יונה אַ שטאַרקע השלמה צו דעם יסוד.

דער רבינו יונה טייטשט די פסוקים (משלי ג' ו'): "**בְּטַח אֶל ה' בְּכָל לִבֶּךָ וְאֶל בִּינָתְךָ אַל תִּשָּׁעֵן. בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ וְהוּא יְיַשֵּׁר אֹרְחֹתֶיךָ**" אַז דער פסוק פון 'בכל דרכיך דעהו' גייט אַרויף אויף איין פסוק בעפאָר - 'בטח אל ה' בכל לבך'.

דער רבינו יונה איז מסביר אַז מענטשן זענען געוואוינט צו אַרויסנעמען די מדה פון בטחון בלויז פאר די שווערע מצבים. דעמאָלט, ווען מ'טרעפט זיך אַ ביטערן מצב, דערמאַנט זיך פון בטחון. דער פסוק וויל אָבער מפקיע זיין פון דעם מהלך, דער פסוק זאָגט פאַר'ן מענטש אַז **ער זאָל נישט אַזוי טון**, נאָר ער זאָל מקיים זיין דעם 'בטח אל ה' בכל לבך' **אַלעמאָל און שטענדיג- 'בכל דרכיך דעהו'!** נישט בלויז ווען ס'איז שוין גאָר אָנגעשטרענגטע צייטן.

### די סיבה פאַרוואָס מענטשן האָבן נישט בטחון ביי קלייניגקייטן

ווען מען לערנט אין ישיבה די לשונות פון די ראשונים איז מען מדייק יעדעס וואָרט. לאָמיר דעריבער לערנען אַ לשון פון אַ ראשון, דער הייליגער רבינו יונה זאָגט אַזוי: " **וְדַע, כִּי יֵשׁ אֲנָשִׁים שֶׁעֵינֵיהֶם אֶל ה' בְּמַעֲשֶׂה גָּדוֹל**" - ס'איז דאָ מענטשן וואָס ביי גרויסע זאַכן קוקן זיי אַרויס צום אויבערשטן, דעמאָלט זענען זיי מתפלל וואוסנדיג אַז זיי זענען נאר תלוי אין דעם רבוש"ע. "**כְּמוֹ אִם יְבַקְשׁוּ לְפָרֵשׁ בַּיָּם לִסְחוֹרָה אוֹ לָצֵאת בְּשַׁיָּרָה**" - ווען זיי דאַרפן פארן אַ ווייטע וועג אויפ'ן ים אָדער אין מדבר דעמאָלט זאָגן זיי אַ תפלה און זיי ווייסן אַז זיי זענען אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן.

אָבער "**וּבְמַעֲשֶׂה קָטָן לֹא יִזְכְּרוּ אֶת ה'**", ווען ס'קומט צו קלייניגקייטן דעמאָלט געדענקן זיי נישט דעם אויבערשטן, צוליב צוויי סיבות, אָדער: "**מִפְּנֵי שֶׁהַפּוֹעֵל קַל בְּעֵינֵיהֶם וּבָרוּר לְדַעְתָּם כִּי יַעֲלֶה בְּיָדָם**" - זיי זענען ביי זיך זיכער אַז זיי גייען מצליח זיין ווייל ס'איז נישט קיין ערנסטע מעשה. דערנאָך איז דאָ נאָך אַ סיבה: "**אוֹ מִפְּנֵי שֶׁלֹּא יְגִיעֵם הֶפְסֵד מְרֻבֶּה אִם יְבַטֵּל הַמַּעֲשֶׂה הַהוּא וְלֹא יַעֲלֶה בְּיָדָם**". - דער מענטש טראַכט אַז ס'איז נישט משנה, כ'האָב געקענט באַשטיין אַז ס'זאָל געשען, אָבער אַז ס'גייט נישט איז נישט. זאָל זיין אַזוי.

אַלענפאַלס, טראַכט דער מענטש נישט פון דעם אויבערשטן ביי די קליינע זאַכן. אָדער ווייל ער איז זיכער אַז ער גייט סייווי מצליח זיין "איך טו דאך עס יעדן טאָג"... אָדער ווייל אפילו אויב ער וועט נישט מצליח זיין איז אויך נישט געפערליך.

### בטחון וואַקסט דוקא דורך קליינע מצבים

זאָגט דערויף דער רבינו יונה אַז ס'איז אַ גרויסער שאָד! ווייל אַזאַ מענטש וועט נישט מצליח זיין צו מגדל זיין ביי זיך די מדת הבטחון צוליב דעם וואָס ער פאַרגעסט פון דעם אויבערשטן ביי די קלייניגקייטן.

די אַרבעט פון אַ איד איז אַז '**דורך די קלייניגקייטן' זאָל ער אַריינברענגען ביי זיך צו ווערן אַ בעל בטחון.**

דאָס איז די וועג צו מאַכן אַז ס'זאָל וואַקסן און גרעסער ווערן די בטחון ביי אים אין האַרץ, דורכדעם וואָס מען איז אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטן אויך ביי יעדע קליינע מצב, **נישט נאר ווען ס'קומט אונטער אַ שווערע פראָבלעם.**

ווען עס גייט אים נישט עפּעס, אפילו אַ קלייניגקייט, דאַרף אַ איד זיך מרגיל זיין צו גלייבן אַז דאָס קומט פון דעם אויבערשטן, און ס'איז דאָ אַ סיבה דערצו, ס'איז נישט סתם געשען במקרה אַז ס'גייט נישט! **אָט אַזוי וואַקסט מען צוביסלעך מיט דער מדה פון בטחון.**

### מאַכן 'בטחון' איבונגען אין לייכטע מצבים

לויט דעם שטיקל רבינו יונה - און לויט דעם כלל פון דעם הייליגן מהר"ל וואָס מיר האָבן געלערנט אַז ווען מ'האָט בטחון דעמאָלט גייט באמת אַלעס ווערן איבערגעקערט צו גוטס - קומט אויס אַז ווען אַ מענטש אַרבעט אויף זיין בטחון, ער איז משקיע אַז זיין בטחון זאל וואַקסן ביי אים, ער איז עוסק אין בטחון אפילו לגבי קליינע זאַכן וואָס קלאַפּן נישט, **דעמאָלט וועט ער זוכה זיין אַז ווען ס'וועט קומען צו גרעסערע זאַכן, וועט ער דאָרט אויך קענען ריכטיג מקבל זיין די מדה פון בטחון**, און דורכדעם וועט ער טאַקע זוכה זיין צו אַ 'חסד יסובבנו' ביי אַלע סאָרט שווערע מצבים וואָס ער גייט אַריבער!

דער מציאות פון 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' הייבט

---

#### ◂ אותיות מחכימות ▸

**רבינו יונה (משלי ג, כו)**

"מִי הָאִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ וְלֹא יִמַּס אֶת לְבַב אֶחָיו כִּלְבָבוֹ": פֵּרוּשׁ, הַיָּרֵא עַד שֶׁהוּא רַךְ הַלֵּבָב, כִּי גָּבְרָה עָלָיו יִרְאַת הָעָם וְהוּא חָרֵד בִּרְאוֹתוֹ רֹב מַחֲנֵיהֶם, וְיִתָּכֵן שֶׁהוּא מַאֲמִין בֶּאֱמֶת כִּי הַכֹּל בְּיַד הַשֵּׁם, אֲבָל מִפְּנֵי שֶׁלֹּא גִּדֵּל נַפְשׁוֹ בְּעִנְיַן מַדְרֵגוֹת הַבִּטָּחוֹן רַךְ לְבָבוֹ וְנַחַת טִבְעוֹ.

**רבינו יונה (משלי ג, ו)**

וְדַע, כִּי יֵשׁ אֲנָשִׁים שֶׁעֵינֵיהֶם אֶל ה' בְּמַעֲשֶׂה גָּדוֹל, כְּמוֹ אִם יְבַקְשׁוּ לְפָרֵשׁ בַּיָּם לִסְחוֹרָה אוֹ לָצֵאת בְּשַׁיָּרָה.

וּבְמַעֲשֶׂה קָטָן לֹא יִזְכְּרוּ אֶת ה', מִפְּנֵי שֶׁהַפּוֹעַל קַל בְּעֵינֵיהֶם וּבָרוּר לְדַעְתָּם כִּי יַעֲלֶה בְּיָדָם, אוֹ מִפְּנֵי שֶׁלֹּא יְגִיעֵם הֶפְסֵד מְרֻבֶּה אִם יְבַטֵּל הַמַּעֲשֶׂה הַהוּא וְלֹא יַעֲלֶה בְּיָדָם.

עַל כֵּן אָמַר 'בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ', בְּדָבָר גָּדוֹל אוֹ קָטָן, כִּי אַחַר שֶׁכָּל הַפְּעֻלּוֹת תְּלוּיוֹת בְּיַד הַשֵּׁם, וְכָל הַהַצְלָחוֹת בְּחַסְדּוֹ, חַיָּב אָדָם לְזָכְרוֹ בְּכָל מַעֲשָׂיו, כִּי אִם יַצְלַח הַמַּעֲשֶׂה בְּיָדוֹ, וְהוּא לֹא זָכַר בּוֹ אֶת הַשֵּׁם וְלֹא נָשָׂא עֵינָיו בּוֹ אֶל הַשֵּׁם, הִנֵּה קִצֵּר בְּחֹק הָעֲבוֹדָה.

זיך אָן ביי די קליינינקייטן אין לעבן. דער מענטש וועט אָנהויבן זען הצלחה ביי אַלע סאָרט קליינע פּראָבלעמען, וויבאַלד ער האָט דאָרט געהאַט בטחון.

אַצינד, נאָכדעם וואָס ביי די קליינע זאַכן האָסטו זיך שוין מרגיל געווען מיט בטחון. האסט געדענקט אַז אַלעס איז דער רבוש"ע, האסט אים געדאַנקט דערויף, **וועסטו זוכה זיין אַז אויך ווען ס'וועט אונטערקומען מער ערנסטע סאָרט מצבים,** **האָסטו שוין מגדל געווען ביי דיך דעם מדה פון בטחון.**

נאָכ'ן מגדל זיין דיין בטחון אין קלענערע מצבים, וועסטו שוין קענען מקיים זיין דעם 'סמא דיסורי קבולי' אויך ביי גרעסערע פּראָבלעמען. און דעמאָלט וועט טאַקע זיין אַ ריכטיגע 'חסד יסובבנו' אויך ביי די שווערע מצבים!

## די טרדות וואַקסן מיט די יאָרן

מ'זעט דאָך בחוש אַז אַזוי האָט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט דאָס לעבן פון אַ מענטש אַז אין אָנהויב פאָרט נאָך אַלעס געווענליך בניקל, זאַכן קלאַפּן מער ווייניגער. אָבער וויפיל דער מענטש ווערט עלטער, אַלס מער וואַקסן זיינע טרדות. מ'דאַרף זיך מסדר זיין מיט די קינדער, מ'הייבט אָן טון שידוכים, א.א.וו.

דאָס איז **ווייל דער רבוש"ע וויל אַז דו זאָלסט מגדל זיין צוביסלעך די מדה פון בטחון אין דיין האַרץ!** ווען אַ קליינינקייט קלאַפּט נישט, און מען געדענקט אַז דאָס איז דער רבוש"ע און מען נעמט עס אָן באהבה, האָט מען דערמיט געמאַכט אַ כלי קיבול צו קענען האָבן בטחון אויך ווען מ'וועט עלטער ווערן און דאָס לעבן וועט ברענגען מער אָנגעשטרענגטע מצבים. דעמאָלט וועט ער האָבן די כוחות צו קענען אַלעס מקבל זיין מיט אַ ריכטיגע בטחון, **ווייל ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט דערצו ביי די קליינינקייטן!**

## השי"ת איז אַ 'משען ומבטח' אפילו נאָך איידער די ישועה קומט אן

ס'איז דאָ אַ שיינע הוספה צו דעם יסוד, פון **רבי אברהם בן הגר"א** זצ"ל, וואָס זאָגט פשט אויפ'ן נוסח התפלה פון "משען ומבטח לצדיקים", אַז דאָס מיינט אַז צוערשט איז דער רבוש"ע אַ 'משען ומבטח' פאר די צדיקים, נאָך איידער די גאַנצע ישועה קומט אפילו אן! דער אויבערשטער איז אַ משען פאר די צדיקים אויף דערווייל, כדי אַז זיי זאָלן נישט פאַרלירן זייער בטחון ביז די ישועה וועט אָנקומען.

ער ברענגט אַז אַזוי געפינען מיר אין מצרים, אַז **נאָך איידער אידן זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט זיי דער אויבערשטער געוויזן די נסים ונפלאות,** כדי אַז זיי זאָלן באַקומען די בטחון און קענען אַרויסגיין בריש גלי און דערנאָך קענען מקיים זיין דעם 'לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה'.

דאָס זעלבע איז געווען ביי די מעשה פון מגילת

**אַצינד אַז דו ביזט נאָנט געוואָרן צום אויבערשטן דורך בטחון, וועט דיין תפלה אַרבעטן ריכטיג!**

אסתר. נאָך איידער המן איז געהאָנגען געוואָרן האָט שוין דער אויבערשטער געוויזן די גדולה פון מרדכי הצדיק, ווען המן האָט אים געמוזט אַרומפירן אויפ'ן פערד מיט די מלבושי המלך און זאָגן 'ככה יעשה לאיש'. דאָס טוט דער רבוש"ע **כדי צו געבן אַ 'משען ומבטח', אַ פאַרזיכערונג, פאר די צדיקים,** אַז זיי זאָלן זיך קענען בוטח זיין און זיך ריכטיג פאַרלאָזן אויף אים אַז ער גייט זיי העלפן מיט די גרויסע ישועה.

## די בטחון וואַקסט צוזאַמען מיט די פּראָבלעמען אין לעבן

ווער איז טאַקע זוכה צו באַקומען אָט דעם 'משען ומבטח'?! די אידן וואָס האָבן בטחון! דאָס הייסט אַז ס'איז אויסגעשטעלט מיט אַ סדר 'מן הקל אל הכבד'. צוערשט גיט דער רבוש"ע פאַר'ן מענטש אַ לייכטע 'מבחן', ווייל ער וויל אים געבן שכר דערויף. אויב דער מענטש איז זיך מתחזק מיט בטחון ביי דעם 'מבחן קל', ווערט ער טאַקע געהאָלפן און **אַדאַנק דעם באַקומט ער אַ שטאַרקערע בטחון.**

דאַן קומט אַ צווייטע 'מבחן', אַ פרישע גרעסערע נסיון, און היות דער מענטש איז שוין קלאָר מיט זיין בטחון, ווערט ער נישט אַזוי פאַרלוירן, ס'איז אים גרינגער צו מקבל זיין באהבה, ווייל ער האָט זיך שוין מרגיל געווען מיט בטחון, און דערנאָך העלפט אים טאַקע דער אויבערשטער נאָכאַמאָל. אַזוי גייט עס פון איין שטאַפּל צום העכערן און דעם איד'ס שכר וואַקסט צוזאַמען מיט זיין מדת הבטחון.

## אינאיינעם מיט'ן עלטער וואַקסן די געלעגנהייטן צו שטייגן אין אמונה

אָט דער יסוד פון רבינו יונה גיט אונז צו פאַרשטיין דאָס וואָס מענטשן וואונדערן זיך צומאָל, ווען זיי קוקן אויף זייער לעבן, וויאַזוי זאַכן ווערן חלילה ערגער און ערגער. דער מענטש האָט באַקומען איין צרה, ער האָט געהאָפט אַז ס'וועט בלייבן ביי דעם. דאָס וועט זיין די נסיון פון זיין לעבן, סוכ"ס דאַרף מען דאָך עפּעס דורכגיין דאָ אויף דער וועלט. אָבער נאָכדעם, פאַלט אַרויף אויף אים אַ צווייטע פּראָבלעם און אַ דריטע פּראָבלעם. א.א.וו.

דאָס זעלבע זאַך איז ווען מ'קוקט אַמאָל אויף אַנדערע אידן. השי"ת זאל העלפן אַז אַלע אידן זאל אייביג האָבן נאר גוטס, אָבער מ'קען אַמאָל זען אַ מענטש וואָס וויפיל עלטער ער ווערט הייבן אן קומען מער פּראָבלעמען אין זיין ריכטונג פון אַלע זייטן. אַן אַנדערער מענטש שטייט אין דער זייט און וואונדערט זיך: "דאָס איז פשט פון די ווייסע באָרד וואָס יעדער באַקומט אויף דער עלטער?"...

דער תירוץ איז אָבער אַז ס'איז פונקט פאַרקערט! דאָס איז אויסגעשטעלט פון הימל מיט אַ ספּעציעלן סדר לטובתו. מן השמים מאַכט מען נישט אַז דער מענטש זאל ליידן, **מען שטעלט אים צו אַ סדר אַז ער זאָל קענען שטייגן מיט בטחון פון אונטן אויף אַרויף.** ווען אַ איד האָט אַ קליינע פּראָבלעם און ער נעמט עס אָן, ער געטרויעט השי"ת, וועט מען אים העלפן אַרויפגיין אויף אַ העכערע מדריגה, ער וועט באַקומען אַ פתח פאר אַ גרעסערן אור.

## מענטשן פאָרכטן זיך צו האָבן בטחון...

דאָס איז אויך אַ תשובה אויף דעם וואָס מענטשן זאָגן אַז זיי האָבן מורא צו אַרבעטן אויף בטחון, ווייל זיי זען צומאָל אַז דער בעל בטחון האָט גרעסערע שוועריגקייטן... דער מענטש וויל בלייבן אין די קליינע מדריגה פון בטחון ווייל ער איז חושש אַז דער רבוש"ע וועט אים מנסה זיין לפי מדרגתו.

ס'איז אָבער דער היפוך הגמור דערפון! ווייל דער מענטש וואָס שטייט פון דער זייט און אַרבעט נאָכנישט אויף זיין בטחון, ווען עס פּאַסירט צו אים די קלענסטע צער שפּירט ער שוין אן עגמת נפש שאין כדוגמתו. אפילו ווען איינער האָט בטעות אים אנגעטרעטן די פיס טוט דאָס אים אַזוי וויי. דעריבער, ווען ער זעט אַ צווייטער מענטש, וואָס איז שוין יאָ אַ בעל בטחון און יענער האָט עפּעס גרעסערע יסורים, טראַכט ער גלייך: "מסתם איז יענעמס צער עד לשמים, ווער וויל אָנקומען דאָרט?! ס'איז דאך שוין דאָ אַזויפיל צער אין דער קליינער מדריגה, אויב כ'וועל גיין אַ מדריגה העכער וועט עס ווערן נאָך ערגער"...

באמת אַרבעט דער סדר הדברים ממש פאַרקערט: אויב דו וועסט זיך אויסאַרבעטן מיט בטחון ביי דעם קליינעם שטאַפּל, **וועט דיך שוין נישט וויי טון די יסורים פון יענעם מצב!** דערנאָך ווען דו וועסט שטייגן נאָך העכער מיט בטחון וועט דיך שוין יענע זאַך אויך נישט וויי טון! און אַזוי ווייטער. **יעדעס מאָל וואָס איז אַ איד מקיים דעם 'סמא דיסורי קיבולי' וואַקסט ער דערמיט!** זאַכן גייען אים אויפהערן וויי טון, סיי בגוף און סיי בנפש!

ג

# מודה על העבר ומבקש על העתיד; בטחון מאַכט אַז די תפלות זאלן נתקבל ווערן

## נאָך בטחון וועט די תפלה זיין גאָר אַנדערש

מיט די הקדמה לאָמיר צוריקגיין צו דעם יסוד וואָס מ'האָט גערעדט ביי דעם פריערדיגן שיעור, אַז נאָכדעם וואָס אַ איד איז מקיים דעם 'שתיקותא'; ער ווייסט אַז דער רבוש"ע מאַכט דעם מצב פאר זיין טובה און ער איז דאָס מקבל באהבה; איז בנוסף לזה וואָס ס'גייט יעצט געשען ביי אים די הבטחה פון 'הבוטח בה' חסד יסובבנו', **וועט די עבודה פון בטחון אויך מאַכן אַז ער זאָל קענען ריכטיג דאַווענען** און עס וועט העלפן אַז זיינע תפלות זאלן טאַקע מצליח זיין!

די סיבה דערצו איז ווי מיר ווייסן אַז דער סדר פון

תפלה גייט אַז צוערשט דאַרף זיין אַן 'הודאה על העבר' און דערנאָך איז דאָ די 'בקשה על העתיד'.

ווייל דורך די 'הודאה על העבר' - נאָכדעם וואָס אַ מענטש האָט געאַרבעט אויף זיין בטחון צו אָננעמען דעם רצון ה' - דעמאָלט ווערט ער נאָנט צום רבוש"ע, און אַז דו ביזט נאָנט געוואָרן צום אויבערשטן קענסטו יעצט גיין דאַווענען און בעטן אויף דעם עתיד. **אַצינד אַז דו ביזט נאָנט געוואָרן צום אויבערשטן דורך בטחון, וועט דיין תפלה אַרבעטן ריכטיג!** וועסט קענען אַראָפּברענגען אַ שפע!

## צוערשט דאַנק און דערנאָך זיי מתפלל

דער הייליגער **תפארת שלמה** אין פּרשת וירא שטעלט שטאַרק אַראָפּ דער יסוד אַז יעדעס מאָל וואָס אַ איד וויל בעטן פאַר זיינע צרכים, **זאָל ער נישט גלייך אָנהויבן מיט אַ תפלה**, נאָר ער זאָל צוערשט משקיע זיין אין דעם חלק פון 'הודאה' מיט אַ בטחון. אַזוי אַרום וועט ער ממשיך זיין די חסדים אויף להבא!

דער תפארת שלמה טייטשט דערמיט דעם פּסוק "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו" - ווען אַ איד דאַנקט דעם רבוש"ע אַז ס'איז גוט, דעמאָלט ברענגט ער דערמיט אַראָפּ חסדים טובים פאר דער וועלט! דערפאַר זעט מען אין די תפלות פון ראש השנה און יוה"כ אַז הערשט נאָכדעם וואָס מ'זאָגט דעם גאַנצן מודים, "ועל כולם יתברך ויתרומם", דעמאָלט קענסטו בעטן אויף ווייטער "וכתוב לחיים טובים". **אַז דו האסט געדאַנקט אויף די פריערדיגן יאָר קענסטו בעטן אויף דעם קומענדיגן יאָר!**

אויב דו האסט נאָך בכלל נישט געדאַנקט וויאַזוי קענסטו בעטן אויף נאָך?! בלויז ווען דו ביזט געווען אַ 'נותן הודאה לשעבר', האסט געדאַנקט אויף אַלע שוועריגקייטן, ביזטו דערמיט געוואָרן נאָנט צום רבוש"ע, און אַז דו ביזט נאָנט צום אויבערשטן קענסטו אודאי בעטן אויף ווייטער.

## וויאַזוי בעט מען אַ טובה נאָך אַ רוגזה?!

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, ווען איינער דאַרף אָנקומען צו אַ טובה פון אַ צווייטן מענטש, אָבער ער ווייסט אַז נישט לאַנג צוריק האָט ער געהאַט צוטון מיט יענעם, ער האָט יענעם מצער געווען.

ס'איז אים אַצינד זייער נישט אַנגענעם צו רעדן מיט דעם צווייטן, אָבער ער דאַרף דאך האָבן פון אים אַ טובה. איז דאָ צוויי וועגן וואָס דער מענטש קען יעצט טון.

די ערשטע מהלך איז אַז ער זאָל זיך מתעלם זיין פון דעם גאַנצן מצב, ער זאָל אויפהייבן אַ טעלעפאָן און בעטן די טובה מיט אַ בלעכענעם פּנים. "וואָס הערט זיך?! בדרך אגב, קענסט מיר אפשר באָרגן צוואָנציג טויזנט דאָלער?!"... ווי פאַרשטענדליך דאַרף יענער זיין זייער אויסגעאַרבעט אַז ער זאָל ענטפערן אַ 'יאָ'.

## אָפנקייט ברענגט אַ נאָנטקייט

וואָס טוט אָבער אַ געזונטער נפש?! ער ברעכט זיך און זאָגט פאר יענעם: "כ'ווייס אַז ס'וואָלט נישט געדאַרפט זיין וואָס ס'איז געווען. כ'בעט דיך איבער. כ'האָב נישט געהאַט קיין שכל דעמאָלט. כ'ווייס נישט ווי ס'איז געקומען צו מיר די ווערטער וואָס כ'האָב דעמאָלט געזאָגט. און כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת: כ'דאַרף האָבן אַ טובה יעצט. דו ביזט דער איינציגער וואָס קען מיך העלפן. כ'שעם זיך טאַקע זייער צו בעטן אָבער כ'האָב נישט קיין ברירה".

אַזאַ מענטש באַהאַלט זיך נישט! ער דרייט זיך נישט אַרויס כאילו ס'איז דאָ גאָרנישט פאָרגעגאַנגען. ער איז אָפן מיט יענעם! ס'איז טאַקע זייער שווער, אָבער וויאַזוי שפּירט ער נאָכדעם וואָס ער האָט זיך געעפענט?! ער שפּירט זיך נאָנט מיט יענעם. ס'איז אַוועקגענומען געוואָרן די מחיצה. ער שפּירט זיך רואיג צו בעטן. ס'איז דאָ געוואָרן אַן אָפענע מהלך פון קאָמוניקאַציע!

## לאָמיר זיך אויסרעדן צו השי"ת

ווען אַ איד וויל רעדן מיט'ן אויבערשטן און ער ווייסט אַז ס'איז ליידער געווען זאַכן וואָס האָבן נישט געטויגט. איז דאָ אַמאָל ווען ער זאָגט: "לאָמיר נישט טראַכטן דערוועגן"...

אָבער האסט דאָך נישט קיין אַנדערן פון וועמען צו בעטן דיין טובה! וועסטו בעטן די טובה אָן בכלל רעדן פון וואָס ס'איז געווען מיט צוויי מינוט צוריק?! רעד יאָ דערפון! רעד צום אויבערשטן דערוועגן! "רבוש"ע, כ'האָב זיך נישט אויפגעפירט ריכטיג און די יסורים זענען מיר באמת געקומען! כ'בין ליידער דורכגעפאַלן ווייל כ'האָב אַ יצר הרע, אָבער כ'וועל זייער שטאַרק פּרובירן אַז ס'זאָל נישט פּאַסירן נאָכאַמאָל. איך זאָג דיר דעם אמת, איך בין געקומען ווייל איך עפּעס האָבן אַ ישועה"...

רעדט צום אויבערשטן! וועסט שפּירן אַזאַ רואיגקייט דערנאָך! ווען אַ איד איז אמת'דיג פילט ער רואיג, אָבער ווען מ'איז פאַרדרייט דעמאָלט שפּירט אויך דאָס האַרץ אַז מ'איז נבוך.

## אַז מ'איז נאָנט ווערן די תפלות נתקבל

דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַז 'מבשרי אחזה אלקי', פון די גשמיות'דיגע סדר העולם זאָל מען קענען פאַרשטיין וויאַזוי עס אַרבעט כלפּי מעלה. ווען דו רעדסט זיך אויס פאַר'ן רבוש"ע אויף דעם עבר, דו נעמסט אַוועק אַלע טינות שבלב, ווערסטו נאָנט מיט אים, **און יעצט וועט שוין די תפלה פאָרן, ווייל דו האסט אַוועקגענומען די גאַנצע עיכוב אויף די תפלות.**

בעט זיך איבער מיט'ן אויבערשטן! זאָג אים אַז: "איך דאַנק דיר פאר די שוועריגקייטן וואָס כ'בין דורכגעגאַנגען, ס'איז זיך מיר געקומען, איך נעם עס אן באהבה". רעדט זיך אויס צו אים! נאָכדעם וועט שוין דער רבוש"ע דיך פרעגן: "פאַרוואָס ביזטו געקומען?! דאַרפסט עפּעס?! כ'וויל דיך העלפן!".

## אָן קיין הקדמה פון בטחון העלפט נישט קיין תפלה

דער **אלשיך הק'** אין פּרשת בהעלותך זאָגט אַ מורא'דיגע לשון: דער דרך פון מענטשן וואָס האָבן ווייניג שכל איז אַז ווען ס'קומט זיי אַ שוועריגקייט דעמאָלט בעטן זיי 'הצילנו נא כי מושיע אין בלתך' און נאָך אַזעלכע סאָרט ווערטער, אָבער זיי ווערן נישט געהאָלפן מיט זייערע תפלות. זייערע תפלות מאַכט נאָך דעם מצב ערגער.

פאַרוואָס טאַקע?! זאָגט דער אלשיך הק' **ווייל איידער זיי דאַווענען זענען זיי נישט מקבל די גזירה פון השי"ת באהבה.** דער מענטש הייבט גלייך אָן בעטן: "איך וויל האָבן כך וכך". ער מוטשעט כביכול מיט אַ תהלים, אָדער מיט אַ סגולה, אָבער ער זאָגט נישט אַרויס בעפאָר: "איך האָב זיך נישט געפירט ווי ס'דאַרף צו זיין. די שוועריגקייט וואָס דער רבוש"ע האָט געמאַכט איז זיכער געווען גוטס פאר מיר". דער מענטש וויל נישט רעדן דערפון, ער הייבט גלייך אָן דאַווענען.

וואָס פּאַסירט אַצינד מיט זיין תפלה?! מען עפנט די ביכער אויבן, צו זען נאָכאַמאָל אויב ס'קומט זיך דיר טאַקע די שפע. אָבער דער מענטש דאַוונט און בעט ווייטער. דאָס איז אַזוי ווי איינער דאַרף אַ טובה פון אַן עושר, און ער קומט שפּעט אינמיטן די נאַכט קלאַפּן אין טיר. אויב מען עפנט אים נישט, הייבט ער אָן קלאַפּן שטאַרקער און העכער, ער האַקט אַזוי ביז ער וועקט אויף אַלע קינדער פון שטוב....

זאָגט דער אלשיך הק', אַז פון אַזאַ סאָרט תפלה ווערט בלויז נתעורר די מקטרגים. ווייל דאָס וועקט אויף די שולד פון דעם מענטש. **נישט דאָס איז די ריכטיגע דרך פון תפלה!**

## צוגיין צום דאַווענען מיט אַ קבלת יסורים באהבה

די פּאַסיגע מהלך איז אַז בעפאָר דו הייבסט אָן דאַווענען, זיי מסדר דעם חלק פון 'קיבולי'. זאָג זיך אַליין אַז "לא חשיד קודשא בריך הוא דעביד דינא בלא דיינא'. דער רבוש"ע איז נאָר מטיב, און די שוועריגקייט קומט זיך מיר. אודאי דאַרף נישט אַ מענטש יעצט אַריינגיין אין מחשבות אַז "אין בין אַזאַ גרויסער רשע, ס'קומט זיך מיר אַלע יסורים". חס ושלום. אָבער בכלליות דאַרף מען געדענקן אַז אויב ס'איז מיר געקומען אַזאַ סאָרט מצב, **איז דאָס זיכער די בעסטע זאַך פאר מיר**, כ'בין נישט חושד דעם אויבערשטן, און איך דאַנק אים דערויף!

ווען אַ מענטש טוט אַזוי איז דאָס די אמת'ע וועג צו אָפּשוואַכן דעם כח פון די מקטרגים, דערנאָך קען ער ריכטיג מתפלל זיין. ווייל איינמאָל דו האסט שוין אַוועקגענומען די מקטרגים פון דיין תפלה, קענסטו בעטן און דאַווענען און די תפלות וועלן נתקבל ווערן!

## סבלון אחד עושה יותר מכמה תפילות

דער הייליגער חתם סופר אין די דרשות פון פּרשת זכור (ח"א עמ' קפה), זאָגט אַ לשון נפלא: **"סבלון אחד עושה יותר מכמה תפלות"** - ווען אַ מענטש איז סובל די יסורים בשמחה, ער מאַכט נישט קיין חשבונות נאר ער זאָגט "אויב דער רבוש"ע האָט אַזוי געמאַכט, האָט ער זיכער געהאַט אַ חשבון, עס דאַרף זיין אויף אַזאַ סאָרט אופן. דער רבוש"ע איז גערעכט און איך בין זיך מבטל פאר זיין רצון". **דעמאָלט טוט דאָס אויף מער ווי אַסאַך תפלות!** ווייל דורך מקבל זיין דעם רצון ה' ווערט ער נאָנט צום אויבערשטן און די ישועה וועט אַסאַך שנעלער קומען.

### אותיות מחכימות

ספה"ק תפארת שלמה פרשת וירא

ידוע כי האדם הרוצה לבקש על צרכיו הנה צריך מקודם לתת הודאה לשעבר ואחר כך יכול למשוך חסדים להבא כמו שכתוב 'הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו' - פירוש, כשאדם נותן הודאה לשעבר כי טוב, אז מביא חסדים טובים לעולם חדשים לבקרים. וזהו שכתוב בנוסח התפלה בראש השנה ויום כיפור ועשרת ימי תשובה 'ועל כולם יתברך ויתרומם כו' וכתוב לחיים טובים'. כשנותן הודאה על שנה העברה, אחר כך יוכל להתפלל על השנה הזאת הבאה עלינו לטובה.

מיט דעם טייטשט דער חתם סופר דעם פסוק **"רחוק מישועתי דברי שאגתי, אלקי אקרא יומם ולא תענה ולילה ולא דומי' לי"** - ווילאַנג אַ מענטש שרייט בלויז, קען ער גאָר דערווייטערט ווערן פון תפלה, ווייל די געשריי קומט באַגלייט מיט אַ 'טינא בלבו' פון אַזעלכע מחשבות: "ווילאַנג דאַרף איך נאך וואַרטן?! פאַרוואָס קומט זיך מיר דאָס?!".

ווען אַ מענטש טוט זיך אן אַ שק מיט תפלות אָבער ער דאַנקט נישט, **איז דאָס נישט דער רצון ה'!** דער רבוש"ע ווייל אַז אַ איד זאָל אים דאַנקן און לויבן פאר זיינע צרות, אַזוי ווערן די תפלות שפּעטער נתקבל, ווי דער פּסוק פירט אויס: "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל".

## די מאַכטפולע כח פון קבלת יסורים צו ברענגען השפעות

פון דעם חתם סופר זען מיר אַז ווען אַ מענטש דאַנקט פאר זיינע צרות, טראָצדעם וואָס ס'טוט אים זייער שטאַרק וויי. ער איז זיך כסדר מחזק נאָכאַמאָל. ער האָט שוין פריער מקבל געווען אויף זיך די יסורים באהבה און דערנאָך האָט אים איינער אריינגעפליקט און דערמאַנט פון זיין צרה, ס'טוט אים ווי עד עמקי נשמתו אָבער דער איד איז נאָכאַמאָל מקבל אויף זיך דעם 'סמא דיסורי קיבולי', בינדט ער זיך דורכדעם אַזוי שטאַרק צו צום אויבערשטן! זיין האַרץ ווערט אַזוי נאָנט און מקושר צום רבוש"ע, אַז שפּעטער קומט טאַקע די ישועות און די שפע. **אַסאַך מער ווי ער וואָלט גע'פועל'ט בלויז דורך תפלה!**

דאָס זענען די צוויי חלקים וואָס איז נוגע די סוגיא פון תפלה צוזאַמען מיט בטחון. די ערשטע חלק איז אַז **דורך קבלת היסורים באהבה ווערן די יסורים נתהפך צו טוב הנגלה**, און די צווייטע חלק איז אַז **דורך די עבודה פון קבלת יסורים מאַכט דער מענטש די ריכטיגע הכנה צו תפלה** און דערנאָך וועט שוין טאַקע די תפלה העלפן אַז ער זאָל באַקומען די ישועה.

תם ולא נשלם.

**◂ אותיות מחכימות ▸** תורת משה אלשיך הקדוש (פרשת בהעלותך)

דרך אנשים מעוטי ההשכלה, שבבוא עליהם רעה יתפללו אל ה', ויאמרו לפניו יתברך הצילנו נא כי מושיע אין בלתך, וכיוצא בדברים אלו. ולא יעתרו, והוא, כי אדרבא ירעו וישחיתו את עצמם בזה, כי על ידי כן יבוקר פנקסם, ויתעוררו אשמותם לקטרג עלימו אז יותר.

אך לא זו הדרך ישכון אור, כי אם תחלה יאמרו ללבבם לא חשיד קודשא בריך הוא דעביד דינא בלא דינא, ואין זה כי אם שמוגגנו ביד עווניגו, כי בכל עון בראנו משחית, והמשחיתים ההם הם המכים ומצרים אותנו, וכל עוד שאין אנו ממרקים אותם לא נוכל מלט מהם, כי הלא יתאזרו לקטרג יותר ותכפל הרעה, לכן הדרך האמתי הוא להתיש כוחם ולהעבירם מלפניו יתברך, והוא כי נשוב מעוונותינו ונתודה עליהם בלב נשבר ונדכה, ואז יסירם ה' מלפניו.

...ואז ישים פניו לבקש מלפניו יתברך על צרתו, כי יאמר ידעתי ה' כי עונותי הטו אלה, אך הנני שב מהם ומתודה ובוכה עליהם, וה' סלחה, ואחר הסליחה הקשיבה לקול תפלתי על צרתי, ואז כי תזכר לפניו יתברך לא תהיה זכירתך שם רק לטובה, כי נמנע כל משחית אשר בראת בעונותיך ויותש כחו.

# חודש ניסן

## והכינו את אשר יביאו;

### זיך מקשר זיין מיט'ן פנימיות פון די טעכנישע הכנות בעפאָר פּסח

מתוך שיעור יום חמישי פרשת תזריע - כ"ח אדר ב' תשפ"ב

א

## מי שטרח בערב שבת; די טרדות גנב'ט אַוועק דעם ישוב הדעת

### די טרחות בעפאָר אַ הויכע זמן

מ'זעט אַן אינטערעסאַנטע מציאות אַז זייער אַסאַך מאָל איידער עס קומט אַ הויכע זמן, איז פאַרהאַן אַסאַך טרדות וואָס טוען פאַרדרייען דעם מענטש און ס'איז אים פּוגע אין די הרחבת הדעת. עס נעמט אים אַוועק די קאָפּ אַז לכאורה זאָל ער נישט קענען אַרויסנעמען וויפיל מ'קען באַקומען אין אַזאַ הויכן זמן.

נאָכדעם ווען עס ענדיגט זיך דער זמן, זאָגט דער מענטש: **"הלואי ווען איך וואָלט געווען זיין מער דערביי, כ'האָב אָבער געהאַט אַזויפיל טרדות און אַזויפיל זאַכן וואָס האָבן גורם געווען אַז כ'זאָל נישט קענען זיין הונדערט פּראָצענט דאָהי"**.

### די הכנות איידער שבת

דאָס שפּילט זיך בעצם אָפּ יעדן שבת. די קדושה פון שבת איז דאך העכער פון אַלע ימים טובים, תחלה למקראי קודש, **אָבער געווענליך קומט דער שבת אן אויף אַזאַ סאָרט אופן פון טרדות.** שוין אָנגעהויבן פון פרייטאָג האָט מען אַזויפיל זאַכן וואָס מ'דאַרף צוגרייטן. מען שלעפּט, מען קויפט, מען ברענגט, ביז די שטוב ווערט ענדליך מסודר...

אודאי איז עס נישט דאָס זעלבע ביי יעדן מענטש. ס'איז דאָ תקופות אין לעבן ווען ס'איז נישט אַזוי אָנגעשטרענגט, צום ביישפּיל נאָכ'ן חתונה מאַכן די קינדער, אויב קיינער פון די קינדער קומט נישט אויף שבת, דעמאָלט איז שטילער און רואיגער.

אָבער דער געווענליכער סדר העולם גייט מיט'ן מהלך פון "מי שטרח בערב שבת", ווי מ'זעט שוין אין דער גמרא אַז "רבא מלח שיבוטא, רב ספרא מחריך רישא", **די הייליגע אמוראים האָבן אויך עוסק געווען מיט טרחות פאר שבת.** עד כדי כך אַז אפילו על פי הלכה מעג מען גיין איינקויפן פאר צרכי שבת פרייטאָג אינדערפרי פאַר'ן דאַווענען, אויב נאָכ'ן דאַווענען וועט עס שוין נישט זיין צו באַקומען. ס'איז דאָ אַסאַך טרחות ווען ס'קומט צוגיין דער שב"ק.

### די שוועריגקייט מיט די טרדות הנפש

לכאורה וואָלט שבת געדאַרפט זיין דער היפּוך פון טירחא. שבת איז דאך מנוחה, וואָלט דעמאָלט געדאַרפט זיין די שפּיץ פון רואיגקייט אָן קיין שום טרדות. די מושג פון 'טירחא' קוקט אויס ווי אַ סתירה צו דעם מושג פון 'מנוחת הנפש'.

דאָס איז גורם אַז ס'איז דאָ אַזאַ באַגריף ביי מענטשן וואָס זענען מעיד אַז אין די וואָכנדיגע טעג שפּירן זיי אַסאַך מער אויסגעהאַלטן און מער ערליך. ווייל ער האָט זיך זיין סדר ווען ער שטייט אויף, ווען ער דאַוונט, ווען ער האָט זיין קביעת עתים, א.א.וו. אָבער ווען ס'קומט פרייטאָג און שבת ווערט אים נשתנה אַלע סדרים. **בנוסף צו די אַלע טרדות קומט אויך אַ פיזור הנפש פון די אַנדערע סאָרט זמנים און אַנדערע סאָרט מאכלים.** ער קען אַמאָל שפּירן אַז אין פּראַקטישע לעבן איז אים שבת שווערער צו זיין אן עובד ה' ווי אַגאַנצע וואך.

### מ'ווערט פאַריאָגט אין די הויכע ימי ניסן

דאָס זעלבע שפּילט זיך בעפאָר דעם הייליגן יום טוב פּסח.

מ'רעדט דאך דאָ פון ראש חודש ניסן וואָס איז די אָנהויב פונעם יאָר. חודש ניסן איז די 'תחילת הבריאה' במחשבה. דאָס גאַנצע יאָר ווערט געבויעט פון די טעג, ווי מיר ווייסן פון דעם **רבי'ן פון לובלין** זי"ע און אַנדערע צדיקים אַז **יעדן טאָג פון די**

**ערשטע י"ב יום פון חודש ניסן איז קעגן אַן אַנדערע חודש פון יאָר.** אַלעס שטעלט זיך אַוועק פון דעם זמן. דאָס גאַנצע יאָר איז אַ תוצאה פון די טעג אין חודש ניסן.

אָבער למעשה ווען ס'קומט דערצו איז מען פאַרדרייט און פאַריאָגט. דער אויבערשטער האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז מ'איז מורא'דיג טרוד מיט טעכנישע זאַכן. דאָס איז דער סדר וויאַזוי ס'אַרבעט! מ'קען זיך אַלעמאָל מחזק זיין אַז דאָס וויל דער רבוש"ע, און אַז אַזוי איז אייביג געווען, אָבער עס בלייבט אַ קשיא: פאַרוואָס טאַקע איז עס אַזוי?! וויפיל מענטשן איז דאָ וואָס ערב פסח ווייסן זיי בכלל נישט צי זיי האָבן אַ קאָפּ צי נישט... ער לויפט צום מצות באַקן און ער האָט אַזויפיל זאַכן וואָס ער האָט געוואָלט ענדיגן און ער האָט נישט געענדיגט אַזש אַז ער ווייסט נישט וויאַזוי ער הייסט...

## אַ געוועגליכע 'ליל בדיקת חמץ' איז באַגלייט מיט פיזור הנפש

לאָמיר נעמען דעם 'ליל בדיקת חמץ'. ס'איז דאך אַ הייליגע צייט ווען מ'איז מקיים דעם מצות עשה דאורייתא פון 'תשביתו' און די תקנה דרבנן פון 'בדיקה'. ס'איז איינמאָל אַ יאָר וואָס מ'איז זוכה צו אַזעלכע מצוות. ס'איז דאָ דער גרויסער ענין פון 'מים שלנו', ערב פסח איז אַ טאָג פון מחיית עמלק.

אָבער דער מענטש ווייסט קוים וואָס טוט זיך מיט אים, בפרט אויב איז ער אין דער תקופה פון לעבן וואָס איז ב"ה פול מיט טרדות. ער איז נישט עפּעס אַ 13 יעריגער בחור וואָס האָט נישט קיין דאגות. **דער מענטש שפּירט אַז ער איז ממש נישט דאָהי.**

## חודש תשרי; אַ חודש פון טרדות

אויב מ'איז זיך מתבונן וועט מען זען אַז דורכאויס דאָס לעבן פונעם מענטש גייט עס נאָכאַנאַנד אויף אַזאַ אופן. צום ביישפּיל: די הייליגע טעג און דער גאַנצער חודש תשרי. ס'איז דאך אַזעלכע לעכטיגע און דערהויבענע טעג. ס'איז דאָ מקומות וואָס עשרת ימי תשובה זעצט מען זיך טאַקע אַריין אין בית המדרש פון שחרית ביז מעריב און מען טוט גאָרנישט קיין אַרבעט. ס'פּלעגט זיין ערליכע אידן וואָס זענען געפאָרן קיין מירון און זיך דאָרט אַריינגעזעצט פון ערב ראש חודש אלול ביז נאָך יום הכיפּורים, וואו זיי האָבן געדינט השי"ת על התורה ועל העבודה.

אָבער די נאָרמאַלע סדר וויאַזוי דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט די בריאה, מיט אַ משפּחה מיט אַלע טרדות, איז אַז **אין די טעג פון חודש תשרי איז מען פאַריאָגט.** דאָ דאַרף מען קויפן אַן אתרוג, דאָ אַ לולב, דאָ דאַרף מען סתם אַזוי ערלעדיגן די צרכי החג, און אַזוי לויפט מען אַריין צום יום טוב. **וואָס איז פשט דערפון?!** פאַרוואָס האָט דער רבוש"ע אַזוי אויסגעשטעלט די בריאה און וואָס וויל דער רבוש"ע אַז אַ איד זאל טון?!

ב

# הריני מוכן ומזומן; די גרויסע עבודה פון מאַכן אַ 'הכנה' בעפאָר יעדע מצוה

## 'הכנה' בעפאָר אַ מצוה איז פון די יסודות הבעש"ט הק'

פון דער אַנדערער זייט ווייסן מיר דאך אַז ס'איז דאָ אַ מושג וואָס הייסט 'הכנה'. די זאַך פון הכנה העלפט אַ מענטש זייער שטאַרק **אַז ער זאָל קענען זיין דערביי בשעת ער איז מקיים אַ מצוה!**

דאָס איז איינס פון די קביעות'דיגע יסודות פון 'חסידות', וואָס דער בעש"ט הק' האָט מדריך געווען אידישע קינדער, אַלס אַ גרויסע יסוד אין אידישקייט, אַז מ'דאַרף אַוועקלייגן כוחות אין דער 'הכנה' בעפאָר אַ מצוה.

דער כלל איז אַז **אויב עס פעלט אין די 'הכנה' דעמאָלט פעלט אין דער 'כונה'**. מ'קען נישט זיין געהעריג דערביי ביי אַ מצוה אויב מ'האָט נישט געמאַכט די ריכטיגע הכנה. מ'האָט דאָס אַלעמאָל גע'חזר'ט ביי אונז אַז אַ איד דארף צוגיין צו אַ יום טוב מיט אַ הכנה.

## די עבודה פון 'הכנה' צו ברענגען די ריכטיגע 'כונה'

אַצינד, וויאַזוי אַרבעט טאַקע די מושג פון הכנה?! הכנה נעמט אַוועק דעם מענטש פון אַלע אַרומיגע זאַכן און עס לייגט אים אַריין אין דעם מצב פון דער מצוה!

לאָמיר נעמען אַ דוגמא פון הכנה איידער אַ מענטש דאַוונט שחרית. ער שטייט אויף פאַרטאָגס און הייבט זיך אָן גרייטן צום דאַווענען. באמת זענען מענטשן זיך צומאָל טועה, אפילו ער האָט אַ חברותא צום לערנען פאַר'ן דאַווענען **האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געכאַפּט וואָס הכנה מיינט.** בעצם איז די מושג פון 'הכנה למצוה' בעיקר קאָנצענטרירט אויף די חלק פון 'התבוננות' בעפאָר. און חסידים הראשונים האָבן דאָס געטון דורך 'שוהין שעה אחת', ווי די משנה זאָגט אין מסכת ברכות (פ"ב מ"א).

ווער ס'איז נישט אין דער מדריגה פון די חסידים ראשונים און ער וויל אַריינגיין אין אַ רוחניות'דיגע מצב, קען ער דאָס טון דורך לערנען אַ בלאַט גמרא. **די תורה קען אים ברענגען צו אַזאַ פּלאַץ, וויבאַלד די תורה הק' קומט דאך פון דעם אויבערשטן אַליין.** דאָס איז די בעסטע הכנה. אָבער בשעת מעשה דאַרף דער מענטש געדענקן די פּשוט'ע יסוד אַז ער האַלט זיך יעצט אינמיטן צוגרייטן צום דאַווענען. ער זאָל כסדר געדענקן און טראַכטן אין זיין מחשבה אַז ער גייט באַלד דאַווענען.

## מיט די ריכטיגע הכנה האָט מען אַן אַנדערע תפלה

'הכנה' ברענגט 'כוונה'. הכנה מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיין דערביי! ווען אַ איד קומט אָן צו אַ מצוה אומגערישט פליעט זיין מח אַרום מיט הונדערט זאַכן, דערפאַר דאַרף מען זיך אַוועקזעצן און זיך מתבונן זיין וואָס ער גייט טון. **אַ מענטש דאַרף זיך מיישב זיין אפילו אויף פינף מינוט איידער ער גייט דאַווענען מנחה**, זיך צו מתבונן זיין וואָס ער גייט יעצט טון **און מתפלל זיין אויף הצלחה.**

צדיקים האָבן געטייטשט דעם לשון המשנה: "**חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים**" - אַז וואָס האָבן די חסידים הראשונים געטון אין דער 'שעה אחת'?! זיי האָבן מתפלל געווען! מיט אַ ריכטיגע הכנה קען דער מענטש זיין דערביי בשעת ער איז מקיים די מצוה!

## וויאַזוי אַרבעט די צוויי פאַקטאָרן צוזאַמען?!

קומט אויס אַז מיר האָבן דאָ צוויי זאַכן וואָס קוקן אויס ווי אַ 'דבר והיפוכו'. פון איין זייט איז דאָ די 'טרדות' איידער מ'איז מקיים אַ מצוה אָדער איידער אַ געהויבענער זמן, וואָס לכאורה זענען די טרדות מונע דעם מענטש צו זיין אָנוועזנד בשעת די מצוה. און פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַ באַגריף וואָס 'הכנה למצוה' וואָס העלפט אַ מענטש אַז ער זאָל יאָ זיין דערביי; עס העלפט אַז זיין מח און זיין האַרץ זאָלן קענען זיין אָנוועזנד בשעת ער איז מקיים די מצוה.

די קשיא איז נאָך שטאַרקער, ווייל לכאורה איז דאך די אַלע טרדות אויך אַ חלק פון די הכנה. וואָס דען?! ווען אַ איד גייט בויען אַ סוכה, **איז דאך דאָס אַ הכנה אַז ער זאָל קענען מקיים זיין מצות סוכה!** ווען אַ איד רוימט אויס דעם חמץ אָדער ער קויפט מצות אויף יום טוב, וואָס טוט ער אַצינד?! **ער מאַכט אַ הכנה אויף יום טוב!** וואָס ווילסטו?! אַז ער זאָל אַריינפאַלן אינעם יום טוב אָן טון די אַלע זאַכן ?!

אודאי וואָלט געווען אַ געשמאַקע זאַך אויב מען וואָלט זיך געגרייט צום יום טוב בלויז מיט'ן לערנען חסידי'שע ספרים. ביי פאַרצייטישע חסידים איז געווען אַזאַ שפּראַך ווען מען האָט זיי געפרעגט: "נו, וואו האלסטו מיט'ן יום טוב?!", האָבן זיי געענטפערט: "**וואָס הייסט, אין קדושת לוי האַלט איך דאָרט, און שלחן ערוך אורח חיים האַלט איך דאָרט**"...

אָבער אין פּראַקטישן לעבן, ווען אַ טאַטע וועט זיך נאר צוגרייטן אויף אַזאַ סאָרט אופן, וועט ער נישט האָבן קיין מצות אויף יום טוב... און ער וועט קענען אַריינפאַלן אין שאלות פון איסור כרת לגבי חמץ. **דער רבוש"ע האָט אונז געהייסן מאַכן אַן הכנה אויף יום טוב מיט די פּראַקטישע זאַכן!**

## די סתירה צווישן די ביידע עבודות

האָבן מיר דאָ אַן אינטערעסאַנטע סאָרט מציאות. מצד אחד האָבן מיר דעם מושג אַז ווען אַ איד מאַכט די ריכטיגע 'הכנה למצוה' **וועט ער זיין אינגאַנצן דערביי בשעת די מצוה מיט'ן הארץ און מח.** מצד שני זעט מען אָבער במציאות אַז ווען דער מענטש מאַכט די הכנה דורך די טעכנישע פּראַקטישע זאַכן, ער לויפט אַרום ערלעדיגן און אַריינברענגען דעם

יום טוב, **שפירט ער אַז דאָס איז גאָר מונע פון אים צו קענען זיין דערביי בשעת די מצוה.**

וויאַזוי שטימט די צוויי זאַכן?! וואו איז די נקודה וואָס זאָל צאַמלייגן דיביידע זאַכן אַז מ'זאָל קענען אויף אַ למעשה'דיגן אופן הנאה האָבן פון אַ יום טוב. ס'גייט יעצט קומען אַ פסח. מיר האָבן שוין געוואַרט דרייצן חדשים דערויף. **ס'איז דאך אַזאַ מין 'בל תשחית' אויב מ'גייט דאָס פאַרפאַסן!** לאָמיר הנאה האָבן מיט אַ תענוג רוחני פון דעם יום טוב.

ג

# תנה בני לבך לי; זיך מקשר זיין צו דער פנימיות פון אונזערע פעולות

### דער רבוש"ע וויל דיין פנימיות'דיגע מחשבה

די פשוט'ע תשובה אויף דעם ענין איז נישט בלויז נוגע לגבי די מושג פון טרדות און הכנות פאר אַ יום טוב, נאר **דאָס איז למעשה איינס פון די שטאַרקסטע יסודות אין אידישקייט בכלליות!**

די תשובה איז: דער רבוש"ע האָט מצוה געווען פאר אַ מענטש אַז בשעת ער איז מקיים תורה ומצות, ווען ער לערנט תורה אָדער ווען ער טוט אַ פעולה פון אַ מצוה, **זאָל ער זיך מקשר זיין צו די פנימיות פון דער זאַך וואָס ער לערנט אָדער וואָס ער טוט.** ביי יעדן ענין, סיי ביי תורה, און סיי ביי מצוות איז דער ציווי פון השי"ת אַז דער איד זאָל זיך מקשר זיין צו דער פנימיות דערפון און ער זאָל זיך נישט לאָזן פאַלן פון דער 'עצת היצר', וואָס וויל אים מקשר זיין בלויז מיט די חיצוניות'דיגע חלק פון דער פעולה וואָס ער טוט אָדער די זאַך וואָס ער לערנט.

דאָס איז דער גרויסער ציווי אויף אַלע ענינים פון עבודת ה'! און דאָס איז זייער שטאַרק נוגע ווען ס'קומט צו די סוגיא פון טרדות בעפאָר אַ יום טוב אָדער בעפאָר אַ מצוה.

### די עבודה פון הכנה דורך התבוננות

ווען אַ מענטש לערנט אַ חסיד'יש ספר לכבוד יום טוב, איז ער דורכדעם זיך מקשר צו דעם פנימיות וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט פון דעם יום טוב. ער האָט מיט זיין מח זיך צו מכין געווען אויף יום טוב -"ס'קומט אַ פסח, **ווען דער אויבערשטער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, דער אויבערשטער האָט געוויזן אַז ער פירט די וועלט**". דערנאָך ווען ס'קומט טאַקע דער יום טוב פסח, קען דער מענטש זוכה זיין צו אַ מורא'דיגע בהירות אין אמונה, אַ קלאָרקייט אין אמונה, אַ חיזוק אין אמונה, און ער איז זיך מקשר צום דעם פינטל פון דעם יום טוב.

ווען ער עסט מצה האָט ער אינזין די טעמי המצוה. **ער איז נישט נאר פאַרנומען צו טראַכטן וועגן די שיעור פון די כזיתים און וועגן כדי אכילת פרס.** הגם דאָס זענען הלכות אין שלחן ערוך און אודאי דארף אַ איד מקיים זיין כל תג ותג וואָס שטייט אין שלחן ערוך, אָבער **בעיקר איז ער זיך מקשר צו דער פנימיות פון דער מצוה וואָס ער טוט!**

### אינזין האָבן די טעמי המצוות איז מקשר צום אויבערשטן

ס'איז דאָ אַסאַך דרגות אין פנימיות אָבער מ'רעדט דאָ פון דעם פשוט'ן טעם, וואָס דער אויבערשטער שרייבט אין זיין הייליגע תורה בנגלה, אַז דאָס איז וואָס ער וויל אַז מיר זאָלן טראַכטן: "איך האָב דיך אַרויסגענומען פון מצרים, איך האָב געראַטעוועט דיין נשמה. אַצינד האָסטו מורא'דיגע כוחות ווייל דו ביזט מער נישט אונטער די קליפּה! אפילו היינטיגע צייטן האָסטו אַ כח פון חירות! איך וויל אַז ביים מקיים זיין די מצוות מעשיות זאָלסטו טראַכטן די טעמים וואָס שטייט דערויף און די עומק פון די מצוות".

נישט ביי אַלע מצוות איז טאַקע מעכב די 'טעם המצוה'. כידוע וואָס דער **ב"ח** זאָגט (או"ח סימן סימן ח', ושם סימן תרכ"ה) אַז נאר ביי די דריי מצוות פון ציצית, תפילין און סוכה, ווי עס שטייט אַרויס אין פסוק: "למען תזכרו, למען תהי' תורת ה' בפיך, למען ידעו", דאָרט דאַרף מען טראַכטן דעם טעם.

אָבער ווען אַ איד טראַכט ביי סיי וועלכע מצוה די פשוט'ע פשט פון מצוות צריכות כוונה, **דער רבוש"ע האָט מיך מצווה געווען און איך בין יעצט מקיים דעם רצון פון אויבערשטן.** אָט די זאַך ברענגט פאַר'ן מענטש אַז ער איז זיך אַזוי שטאַרק מקשר צום אויבערשטן! אויב מען טוט דאָס נישט, דעמאָלט רוקט מען זיך נישט אין קרבת אלקים דורך די תורה ומצוות. **וויפיל מען איז לוחם יאָ צו אינזין האָבן, ווערט מען יאָ נאָנטער צום רבוש"ע!**

### דער פּראָבלעם איז געווען 'אשר לא צוה אותם'

ס'איז באַוואוסט דאָס וואָרט וואָס דער **שפת אמת** (פרשת שמיני) ברענגט פון זיין זיידן, הגה"ק בעל **חידושי הרי"ם** זי"ע, אויפ'ן פסוק וואָס שטייט ביי נדב ואביהוא "ויקריבו לפני ה' אש זרה אשר לא צוה אותם", אַז ביי אַ געווענליכע מצוה באַקומט דער מענטש אַ 'חיות' דורכדעם וואָס דער רבוש"ע האָט אים דאָס געהייסן טון. דער אויבערשטער האָט געזאָגט כ'זאָל דאָס מקיים זיין, און איך פאָלג אים, איך בין מקיים רצונו, בין איך יעצט זיין שליח. דאָס גיט אַ חיות פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל נישט אויסגיין פון דער מצוה.

> ער ווערט אנגעצויגן און נערוועז, ווייל ער האט אפגעלאזט דעם רבוש"ע בשעת ער האט געטון די מצוה!

דער פּראָבלעם פון נדב ואביהוא איז געווען אַז ס'האָט זיי געפעלט דער ציווי ה'. זיי זענען נפטר געוואָרן פון דער וועלט ווייל ס'איז געווען "אשר לא צוה אותם"! די עצם פעולה וואָס זיי האָבן געטון איז געווען זייער הייליג, זיי האָבן מקטיר געווען קטורת וואָס איז אַ מורא'דיגע עבודה, **אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט מקשר זיין אין מח צו דער פנימיות פון דער זאַך, צו דעם רצון ה'.**

### דאָס חיות וואָס מ'קען באַקומען פון געדענקן די פנימיות המצוה

זיך מקשר זיין צו די פנימיות פון דער מצוה אויף אַ פּראַקטישן אופן באַדייט אַז דער איד האָט אינזין: "וואָס גיי איך יעצט טון?! איך גיי יעצט טון עפּעס, נישט ווייל איך וויל דאָס טון, נאר ווייל איך וויל זיין אַן עבד נאמן להקב"ה ולתורתו! דער אויבערשטער האָט מיך מצוה געווען, און דערפאַר גיי איך עס טון!". נדב ואביהוא זענען נסתלק געוואָרן פון דער וועלט, ווייל ס'האָט זיי געפעלט דער זאַך, וויבאַלד ס'איז געווען "אשר לא צוה אותם".

פירט אויס דער שפת אמת: זעט מען פון דאָ אַז ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט מצוה געווען, **דעמאָלט קען ער דאָך באַקומען אַזאַ געוואַלדיגע חיות פון דער "אשר צוה אותם"!**

אויב מ'קען חלילה נפטר ווערן פון דער וועלט אויב ס'איז "אשר לא צוה אותם", **דעמאָלט קען מען דאָך זיכער באַקומען אַ נייע לעבן און ווערן אַזוי נאָנט צום רבוש"ע, ווען מען איז זיך מתבונן און מתעמק אין דעם חלק פון "אשר צוה אותם", אַז יעצט טו איך דעם רצון ה'!** פון דעם אַליין קען מען באַקומען די עיקר חיות, אויב מ'האָט אינזין די פנימיות פון דער מצוה!

### די עבודה פון הכנה דוקא צוזאַמען מיט די טעכנישע פעולות

לאָמיר אַצינד צוריקגיין צו דער ביישפּיל פון טרחות בעפאָר אַ יום טוב. ס'איז אַ דבר פשוט ביותר אַז ווען אַ מענטש איז עוסק צו מקשר זיין די מחשבה צו דער פנימיות פון דעם יום טוב, ער לערנט ספרי מהר"ל אויף פסח, ער איז זיך מתבונן אין די רעיונות פון דעם יום טוב, אָדער ער לערנט די הלכות פון פסח, ער לערנט פרק 'ערבי פסחים', וכדומה, ברענגט דאָס אים אַריין אין אַ מצב פון יום טוב.

אָבער צו דער זעלבער צייט **האָט אונז דער אויבערשטער געהייסן אַז מיר זאָלן עוסק זיין אין מצוות מעשיות אַלס הכנה בעפאָר שבת און אַלס הכנה בעפאָר יום טוב.** דאָ ליגט די נסיון וואו דער יצר הרע כאַפּט דעם מענטש, אַז מען זאָל נישט

האַלטן קאָפּ - ווען מען טוט די אַלע טעכנישע זאַכן - מיט אַ מורא'דיגע עבודה און התמדה אַז: **"איך בין זיך יעצט מכין פאר יום טוב! איך בין יעצט מקיים אַ מצות עשה דאורייתא פון 'תשביתו'! איך טו יעצט גאָרנישט נאר דער רצון ה'!".**

## אַז עס פעלט די פּנימיות ווערט מען חלילה אָנגעצויגן

אויב אַ מענטש טוט דאָס נישט, בלייבט ער נישט בלויז טרוקן ווי אַ האַרץ, נאָר ער ווערט נאָך אָנגעצויגן און בכעס, ווי מ'זעט במציאות אַז אין די אָנגעשטרענגטע צייטן פאר אַ שבת אָדער פאר פּסח קומען מענטשן לידי כעס. די **סיבה דערצו איז וויבאַלד ער איז אדוק אין די חיצוניות'דיגע חלק פון דער מצוה.** ער איז אָפּגעריסן יעצט פון דעם רבוש"ע!

ס'איז צום באַדויערן זייער מצוי אַז מענטשן האָבן אינזין ערב פּסח, בשעת מען רייניגט אויף יום טוב, אַז מ'וויל יעצט סתם אַזוי מסדר זיין און שיין מאַכן די שטוב; מ'האָט אינזין אַז מ'דאַרף דאך בעצם איינמאָל אַ יאָר מאַכן סדר אַז די שטוב זאָל זיין אַ מקום וואָס פּאַסט פאר 'בעלי בתים חשובים'... **אָבער דורכדעם פאַרלירט מען די גאַנצע נשמה פון דער מצוה.** דאָס איז מטריד דעם מענטש. ער ווערט אָנגעצויגן און נערוועז, ווייל ער האָט אָפּגעלאָזט דעם רבוש"ע בשעת ער האָט געטון די מצוה!

ס'איז אַן אינטערעסאַנטע סאָרט מציאות, אַז בשעת מען טוט די מצוה זאָל מען אָפּלאָזן דעם אויבערשטן, אָבער דאָס איז וואָס פּאַסירט ליידער!

## טו די זעלבע זאַך אָבער לייג צו קאָפּ

דער מענטש איז פאַרנומען טראַכטן וועגן די קליידער וואָס ער האָט געקויפט אויף יום טוב, וויפיל ס'האָט געקאָסט, צי יענער האָט אים אָפּגענאַרט צי נישט. **דער מח איז אים אינגאַנצן הונדערט פּראָצענט אַריינגעלייגט אין אַלע סאָרט זאַכן וואָס האָבן גאָרנישט צוטון מיט'ן אויבערשטן!** און אַלעס איז "לכבוד יום טוב"... אַסאַך מאָל פאָלגט ער טאַקע די הלכה פון שלחן ערוך, מ'דאַרף דאך עפ"י הלכה קויפן קליידער פאר די שטוב צו משמח זיין אויף יו"ט! דער מענטש איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון די הלכה וואָס ער דאַרף טון! **אָבער די נשמה פעלט און ס'איז ממש אַ שאָד!**

מ'קען דאָך אַזוי שטאַרק הנאה האָבן פון אַ יום טוב! אַפילו פּראַקטיש איז עס אַ פאַרלוסט, ווען מען נעמט זיך אַוועק דעם גאַנצן טעם פון דעם יום טוב, ווייל מ'טוט די אַלע פּעולות אָן די פּנימיות'דיגע מחשבה.

> **דעמאָלט קען אַזאַ הכנה אויפטון נאָך אַסאַך מער פון לערנען מהר"ל אויף פּסח!**

אַ איד דאַרף אַגאַנצן צייט האַלטן קאָפּ אַז **וואָס ער טוט - איז ער דערמיט עוסק צו מאַכן אַ 'הכנה' פאַר'ן הייליגן יום טוב!** דער איד טוט אַלעס וואָס זיין ווייב בעט אים צו טון; ער גייט, ער קומט, ער העלפט, ער ערלעדיגט אַלס סאָרט זאַכן, אָבער במשך די גאַנצע צייט אַרבעט ער אויף זיך צו געדענקן אַז: **ער גרייט זיך אַצינד צום יום טוב!** ער ווייסט אַז דאָס איז די רצון ה'!

## אַזויפיל דאורייתא'ס בשעת'ן זיצן אין טראַפיק

פּונקט ווי ס'איז דאָ אַ מושג אַז ווען אַ מענטש עסט אַ שרץ רח"ל, קען ער עובר זיין אויף פינף - זעקס לאווין אויף איינמאָל. איז דאָ אויך פאַרקערט, מדה טובה מרובה, ווען אַ מענטש טוט די פּראַקטישע הכנות אויף יום טוב איז ער מקיים אַזויפיל מאָל גרויסע מצוות!

ווען דער מענטש זיצט יעצט אין דער שווערן טראַפיק פון באָראָ פּאַרק כדי צו איינקויפן פאר יום טוב און העלפן זיין בני בית, **איז ער אַצינד, תוך כדי מעשה, מקיים אַזאַ 3-4 דאורייתא'ס!** די ערשטע זאַך איז אַז ער איז מקבל יסורים באהבה, און וויפיל חסד ליגט דאָ?! וויפיל הכנה פאר אַ מצוה ליגט דאָ?! וויפיל מדה פון רחמנות ליגט דאָ?! **דער מענטש האָט דאָך אַ גאַנצע רשימה פון מצוות וואָס ער טוט דאָ,** אָבער היות ער איז נישט מקושר צו דעם פּנימיות ווערט ער פאַריאָגט און אויפגערעגט.

בשעת מען איז פאַרפּאָרעט מיט די טרדות בעפאָר יום טוב, דאַרף אַ איד אַלעמאָל געדענקן די צוויי זאַכן: '**וועלכע**' מצווה טו איך יעצט און '**פאַרוואָס**' טו איך די מצווה. אויב מען איז לוחם צו האַלטן קאָפּ אויף די צוויי מחשבות, דעמאָלט

ווען עס קומט דער יום טוב, **וועט מען שפּירן אַזאַ מורא'דיגע ווארימקייט און דערהויבנקייט,** דוקא אַדאַנק די הייליגע הכנה צום יום טוב!

## צדיקים האָבן אויך עוסק געווען מיט הכנות לשבת

די גמרא ברענגט (שבת קיט, א) אַז די הייליגע אמוראים האָבן עוסק געווען אין גשמיות'דיגע זאַכן צוצוגרייטן אויף שב"ק, זאַלצן די פיש רייניגן דעם קאָפּ פון אַ בהמה, א.א.וו. **אודאי זענען זיי בשעת מעשה געווען דבוק מיט אַ מורא'דיגע דביקות צו דעם רבוש"ע.**

דאָס זעלבע איז געווען ביי די אַלע גרויסע צדיקים, וואָס מיר האָבן אַ זכות בלויז צו דערמאַנען זייער נאָמען, ווי דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** און אַנדערע צדיקים, וואָס זענען אַריינגעקומען אין דער קיך צו זאַלצן די פיש און אַנדערע הכנות אויף שבת, האָבן זיי בשעת מעשה אינזין געהאַט די פּנימיות פון דער גרויסער עבודה פון הכנה לשב"ק.

## מ'דאַרף גאָרנישט טוישן, בלויז די מחשבה בשעת מעשה

ווען אַ איד טוט די אַלע טעכנישע הכנות און ער איז 'דערביי', **דעמאָלט קען אַזאַ הכנה אויפטון נאָך אַסאַך מער פון לערנען מהר"ל אויף פּסח!** ווייל ער האָט אַצינד גענומען די ריכטיגע הייליגע מחשבות און ער האָט דאָס אַריינגעלייגט אין עשיה! דאָס וואַשט אויס דעם מענטש! **ער קומט אָן ריינערהייט צו אַ מצוה!** ער פאַלט נישט אַריין אין דעם יום טוב!

אַזאַ איד האָט גאָרנישט משנה געווען אין זיין סדר היום, ער האָט ווייטער געטון אַלעס וואָס מ'דאַרף ערלעדיגן, **ער האָט בלויז משנה געווען זיין מחשבה!** ער פאַרשטייט אַז אויב מ'דאַרף פאַרמאַכן די גמרא כדי אַרויסצוהעלפן אויף יום טוב, דעמאָלט איז דאָס די עבודה! ער נעמט מיט די גמרא אין זיין מחשבה און אַזוי טוט ער די אַלע זאַכן. דאָס איז דאך אַזאַ סאָרט הייליגע עבודה!

מענטשן גרייטן אָן די ליכט אויף שבת, מען העלפט איינדעקן דאָס עסן, מ'העלפט אין קיך, מ'לויפט אַרום אַהער און אַהין, און דערנאָך פאַלט מען אַריין אינעם שבת אָן קיין קאָפּ ווייל מ'איז געווען אַזוי טרוד. **וואָס פאַראַ ליכטיגע שבתים קען אַ איד האָבן ווען ער וועט לוחם זיין,** שוין פון ליל שישי, אַז ביי יעדע זאַך וואָס ער טוט לייגט ער צו דאָס ביסל 'מצוות צריכות כוונה"!


פטרון השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידנו
הר"ר **יואל וואלדמאן** הי"ו
**לרגל נישואי בנו הבחור החתן מאיר דוד ני"ו**
עב"ג הכלה החשובה שתחי' בת הר"ר **משה זעליג** הי"ו
יהא רעווא שיזכו לבנות בית נאמן בישראל - לעכטיגע אידישע דורות
• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com

• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הבינני: ארה"ב - 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223